גליון מב
פרשת כי תצא תשפ"ג

# צום פינטל

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

### שילוח הקן

#### ♦ די איסור אויף די מאמע

אין די פרשה שטייט די מצוה פון 'שילוח הקן', א 'מצוות לא תעשה' און 'מצוות עשה', 'לֹא תִקַּח הָאֵם עַל הַבָּנִים וגו', 'שַׁלֵּחַ תְּשַׁלַּח אֶת הָאֵם וְאֶת הַבָּנִים תִּקַּח לָךְ' (דברים כב ו-ז).

די עיקר איסור באציט זיך צו די מאמע, די תורה זאגט "נעם נישט די מאמע פון אויף די קינדער" (רש"י), "נעם נישט די מאמע צוזאמען מיט די קינדער" (מפרשים). "לאז די מאמע פריי", לאז איר געמאך, לאז איר במנוחה, "נאר די קינדער קענסטו זיך נעמען פאר זיך".

אין מסכת חולין איז מבואר אז ס'איז דא א איסור אויך אויף די קינדער, ס'איז דא א איסור צו נעמען די קינדער פון אונטער די מאמע. דער 'מנחת חינוך' האלט אז דאס איז א 'איסור עשה', 'שלח תשלח את האם ואת הבנים תקח לך', קודם שיק אוועק די מאמע, און נאר נאכדעם קענסטו נעמען די קינדער, און אנדערע האלטן אז דאס איז נאר א 'איסור דרבנן'. ווייל דער עיקר איסור פון פסוק איז עוסק אין די מאמע, צו לאזן די מאמע במנוחה, די איסור אויף די קינדער, איז אדער א איסור עשה, אדער א איסור דרבנן.

בכללות איז עס דריי איסורים, 1) צו נעמען די מאמע, 'לא תקח האם על הבנים', כאילו ס'וואלט געשטאנען 'לא תקח האם מעל הבנים', זאלסט נישט נעמען די מאמע פון אויף די קינדער (רש"י ומפרשים). 2) צו נעמען די מאמע צוזאמען מיט די קינדער, כאילו ס'וואלט געשטאנען 'לא תקח האם עם הבנים' (פשטות האיסור כפי הנראה מהפוסקים). 3) צו נעמען די קינדער בשעת די מאמע איז אויף זיי, וואס אויף דעם האלט די מנחת חינוך אז ס'איז א 'איסור עשה', און אנדערע האלטן אז ס'איז נאר א 'איסור דרבנן'.

דער 'עולם' מאכט מער א עסק פון די דריטע איסור, נישט צו נעמען די קינדער בשעת די מאמע איז אויף זיי, אבער באמת אין פסוק און אין די גמרא איז די עסק מער איבערן נעמען די מאמע, צו נעמען די מאמע אליינס אדער די מאמע מיט די קינדער. אויך

**די תורה האט אונז געוואלט אויסלערנען צו 'רחמנות' האבן אויף א יידישע מאמע, די תורה זאגט האב רחמנות אויף די מאמע, דער אייבישטער לערנט פאר יעדער יוד, צו צולייגען רחמנות און הארץ צו די יידישע מאמע**

די טעמים אין די מצוה פון 'שילוח הקן' באציען זיך מער צו די איסור פון די מאמע, אזוי ווי ס'וועט ווערן ערקלערט.

#### ♦ די טעם פון דער רמב"ן

ס'איז באקאנט די טעם פון דער רמב"ן, דער רמב"ן זאגט (דברים כב ו) אז די מצוה קומט אונז לערנען די מידה פון 'אכזריות', די תורה זאגט אונז אהן נישט אויסצורייסןביידע אין איינעם, קום נישט אריין מיט די גאנצע אכזריות, קום נישט אריין מיט די גאנצע 'פייאוער' (power), רייס נישט אויס די מאמע מיט די קינדער ביידע אויף איינמאל.

די הלכה איז אז 'אותו ואת בנו' טאר מען נישט שחט'ן אין איין טאג, און די טעם איז אז מ'זאל זיי נישט אויסרייסן אויף איינמאל אלעס אין איין טאג, אזוי אויך ביי 'שילוח הקן' זאגט אונז די תורה, כאפ נישט אלעמען אין אינאיינעם, כאפ נישט די מאמע מיט קינדער אלע אויף איינמאל. ווילסט האבן פלייש, קענסט גיין פאנגען פלייש, קענסט גיין פאנגען עופות, אבער מיט רחמנות, צוביסלעך ווייז, קענסט נעמען די קינדער, אבער די מאמע לאז ווייטער פליען, די מאמע לאז אנפאנגען איר לעבן פון פריש, לאז איר מאכן א פרישע נעסט.

און דאס לערנט אונז אין די מידה פון 'אכזריות', אז אפילו ווען די האסט רשות אויסצונוצן יענעם, די מעגסט זיך אננעמען פאר דיינע רעכטן וכדומה, אבער אלץ במידה ובהגבלה, זיי נישט קיין אכזר, גיי נישט מיט יענעם 'עד הסוף'. יעדער דארט ווי ער האט זיינע רעכטן, אבער נאך אלץ דארף מען איבער לאזן פאר יענעם א 'מקום', דערשטיק נישט יענעם ביז צום טויט, לאז איבער פאר יענעם עפעס 'ספעיס'.

אויך די אבן עזרא חזקוני און רשב"ם זענען מבאר די טעם אונז צו לערנען אין די מידה פון אכזריות, די תורה לערנט אונז נישט צו זיין א אכזר און א פרעסער, זיי נישט איינער וואס קומט אריין מיט די גאנצע אכזריות, צו פאנגען שחט'ן און אויפעסן, אלעמען אין איינעם.

אין מדרש שטייט די טעם, 'רחמנות' צו האבן אויף די מאמע, דער רמב"ן איז מסביר, אז בעצם איז מען נישט מחיוב 'רחמנות' צו האבן, די תורה לאזט שחט'ן בהמות און עופות צום עסן, אבער דא האט אונז די תורה געוואלט לערנען נישט צו זיין קיין 'אכזר', און דאס האט די מדרש געמיינט צו זאגן מיט 'רחמנות', אז לאז איבער פלאץ אויף פאר אביסל

המשך בעמוד הבא

'רחמנות', קום נישט אנטקעגען יענעם מיט די גאנצע אכזריות, וועט דאס זיין ווי רחמנות.

משל למה הדבר דומה צו קינדער וואס קריגען זיך, אויף א אופן וואס ס'איז מותר, לאמיר זאגען אז דער צווייטער האט אנגעפאנגען צו טשעפענען, וואס על פי הלכה מעג מען יענעם צוריק טשעפענען און אנלערנען אז די ביסט נישט זיין 'נער' וכדומה. אבער נאך אלץ, זיי נישט קיין אכזר, אפילו די מעגסט יענעם אריינגעבן, אבער פארשטיי אויך צו קענען צוריק בעקן, פארשטיי אויך צו געבן יענעם א פלאץ, צו געבן יענעם עפעס 'ספעיס'.

### נישט אויסנוצן יענעמס רחמנות

אלע אחרונים ברענגען די טעם פון די נצי"ב, דער נצי"ב (העמק דבר דברים כב ו, ועי' באור שמח הל' שחיטה פי"ג, ועי' עוד מה שכתב בפ"ג מהל' יו"ט, ובחזו"א יור"ד סי' קעה) זאגט די טעם פון 'שילוח הקן' איז אז מ'זאל נישט אויסצונוצן יענעמס רחמנות פאר זיך, די מאמע פייגעל קען אנטלויפן פון אירע פאנגערס, נאר ווען זי זיצט אויף די 'ביצים' און 'אפרוחים', דא האבן די פאנגערס א אויבער האנט אויף איר, ווייל זי קומט אראפ מער נידריג צו די נעסט לצורך די קינדער, און מכח איר 'רצון' צו זיין מיט זיי, איז זי זיך מוסר נפש און קומט אראפ, וואס דאס מאכט לייכט פאר די פאנגערס איר צו כאפן.

אבער דייקא אויף דעם זאגט די תורה 'לא תקח את האם על הבנים', פאנג נישט די מאמע מיט די קינדער, נוץ נישט אויס די מאמעס רחמנות פאר דיין אכזריות.

און נאך מער, אז מ'טראכט אריין ליגט א מורא'דיגע התפעלות אין די רחמנות ווי מ'זעהט ווי איבערגעגעבן די מאמע פייגעל איז פאר אירע קינדער, ס'איז א וואונדערליכע זאך. יעצט אנשטאט צו נתפעל ווערן פון דעם, קומסטו אויסנוצען די דאזיגע זאך פאר דיר, צו קענען גרינגער כאפן דעם פייגל, אזא זאך איז א ביטוי פון 'אכזריות'. די שטייסט ביי א מצב וואס שרייט רחמים וחמלה, שטייסט ביי א מצב וואס שרייט אהבה, און די קומסט אהן קאלט בלוטיג, אזא זאך איז פארערכנט ווי אכזריות.

און מיט דעם קומער צו די טעם פון רשר"ה, רשר"ה זאגט אז די תורה האט אונז געוואלט אויסלערנען צו 'רחמנות' האבן אויף א יידישע מאמע, די תורה זאגט האב רחמנות אויף די מאמע, דער אייבישטער לערנט פאר יעדער יוד, צו צוליגען רחמנות און הארץ צו די יידישע מאמע. און דאס איז דורכען דערהערן די 'מידת הרחמנות' וואס דער אייבישטער האט איינגעפלאנצט אין איר, און פארשטיין די מורא'דיגע 'ערך' דערפון. (ולרמז, די קינדער קענסטו כאפן, די קינדער באלאנגען פאר די טאטע, אבער די מאמע דארף מען לאזן פריי, כידוע סוגיא זו בעניני גיטין).

דאס איז די מצוה פון 'שילוח הקן', דערהער ווי נאר דורעך די מידה פון 'רחמנות' וואס ליגט אין די מאמע בטבע, נאר דורעך דעם קען זי זיך אויפהאדעווען קינדער און זיך אזוי שטארק אפגעבן מיט זיי, זעה און שעץ די דאזיגע מידה וואס זי האט, און געב דיך אכטונג און נוץ נישט אויס די שוואכקייט פונעם פייגעל פאר דיינע ענינים. לעב מיט די יידישע מאמע מיט די מידה פון רחמנות, און נישט ח"ו מיט די מידה פון אכזריות.

### קיום המין

נאך א באקאנטע טעם איז דא אויף די מצוה פון שילוח הקן, פון דער הייליגער רמב"ן און די חינוך, זיי זאגען אז די תורה הקדושה האט זיך געזארגט פאר די 'קיום המין', די מעגסט פאנגען ביצים און אפרוחים, אבער לאז איבער די מאמע זעלבסט, צו קענען האבן נאך קינדער אויף די וועלט.

און ווי ס'קוקט אויס איז דאס א דבר מיוחד ביי פייגלער, ווייל אלע אנדערע 'בעלי חיים' האבן די כוחות צו אנטלויפן און זיך אפהוטן, זיי האבן די יכולות אכטונג צו געבן נישט צו ווערן אויסגעראטן, אבער פייגלער זענען שוואך, זייער גאנצע כח איז נאר מיט'ן פליען, און ווען זיי זיצן אויפן 'קן' פארלירען זיי דאס, ממילא איז די תורה מזהיר אז מ'זאל זיי נישט כאפן פונעם 'קן'.

היינטיגע צייטן איז שטארק באקאנט פארשידענע געזעצן וועגען פאנגען 'בעלי חיים', אלע מדינות אין די וועלט האבן געזעצן וועגען דעם צו הוטן די בעלי חיים פון ווערן אויסגעראטן. און ס'איז א שכל'דיגע זאך ווייל יעדער 'בן אדם' פארשטייט אז אויב וויל מען הנאה האבן פון די 'בעלי חיים', דארף מען אכטונג געבן אויף זיי, און אפילו סתם אזוי איז דאס א שכל'דיגע זאך, יעדער פארשטייט אז מ'דארף אכטונג געבן אויף דעם אייבירשטען'ס בריאה ס'זאל האבן א קיום, מ'דארף אכטונג געבן אויף דעם אייבירשטען'ס א 'בעל חי' אז סזאל נישט אויסגעראטן ווערן אינגאנצן פון דעם 'קיום'.

און ווי געשמועסט איז דא צו דעם א מקור אין די תורה הקדושה דא ביי אונז ביי די מצוה פון 'שילוח הקן', די תורה הקדושה געט אכטונג אויף די 'קיום המין'. און בפרט איז דאס וויכטיג היינטיגע צייטן מיט די אלע 'כלי משחית' (גאנס וכדומה) וואס קענען לייכט שיסן פון דערווייטנס, וואס דאס מיינט אז ס'איז גאר לייכט אויסצוראטן אלע 'בעלי חיים' אינגאנצן. ווי ס'איז באקאנט אז זינט ס'איז דא 'גאנס' (ס'איז ארויסגעקומען פאר בערך פינעף הונדערט יאר צוריק), זענען שוין אסאך סארטן 'בעלי חיים' פארלוירן געגאנגען.

איז דאס לערן מיר פון די מצוה פון 'שילוח הקן', אז אזוי ווי די פייגלער וואס זיצן אויף די נעיסט, און ס'איז גאר לייכט זיי צו כאפן, האט די תורה הקדושה זיי אפגעהוטן אז ס'זאל זיין א 'קיום המין'. די זעלבע זאך היינטיגע צייטן וואס אלע חיות איז גאר לייכט צו כאפן, איז זוכער מסתבר אז ס'איז א תורה'דיגע זאך, אכטונג צו געבן אויף די 'בעלי חיים' זיי זאלן נישט ווערן אויסגעראטן אינגאנצן. (בכלל איז די היינטיגע קומירשעל וועג פון שחט'ן בהמות און עופות, אביסל אויף א אכזריות'דיגע אופן, מ'איז מושל אויף זיי מיט א מורא'דיגע כח אהן קיינע גבולים, וואס דאס קען האבן א שייכות מיט אונזער סוגיא וואס אונז זעמיר עוסק דא).

## א 'שינוי' אינעם 'בעל חי'

די אחרונים (אבני נזר, הגר"ש שקאפ, חזון יחזקאל) זאגען א יסוד אין 'מלאכת צידה', אז 'מלאכת צידה' מאכט נישט קיין 'שינוי' אינעם 'בעל חי', אלע מלאכות מאכן א 'שינוי' אינעם 'חפצא', 'חורש' מאכט א 'שינוי' אינעם קרקע, 'זורע' ווערן די קערלעך איינגעווארצלט אין די קרקע, און אזוי ווייטער אלע אנדערע מלאכות, אבער 'צידה' מאכט נישט קיין 'שינוי' אינעם 'בעל חי', דער 'גברא' שטעלט א 'בלאקיטש' אויפן 'בעל חי', אבער דער 'בעל חי' זעלבסט ווערט נישט נשתנה.

דאס איז די פשטות'דיגע קוק פון אלע אחרונים, און מיט דעם זענען זיי מיישב כמה ענינים אין הלכות צידה, אבער מ'דארף וויסן אז א געוויסע 'שינוי' איז יא דא אינעם 'בעל חי', א 'בעל חי' וואס איז געפאנגען איז נישט די זעלבע ווי א 'בעל חי' אין די פריי, ער איז 'מקבל מרות', וואס דאס מאכט אים פאר א אנדערע מציאות, ער האט אויף זיך דעם 'עול' פונעם 'פאנגער', וואס דאס מאכט א מציאות'דיגע שינוי אין זיין עצם גוף.

אזוי ווי א 'קנעכט' מיט א 'בן חורין' פארשטייט מען, אז אויסער דאס וואס דער קנעכט דארף ארבעטן שווער, אויסער דעם איז ער א אנדערע מהות אינגאנצן, ער איז א קנעכט, א קנעכט וואס טראגט אויף זיך דעם 'עול' פונעם 'בעל הבית', זייענדיג נכנע און שפל וכו'. אזוי אויך געפאנגענע 'בעלי חיים' זענען א אנדערע מציאות, זיי זענען געאפנגענע, וואס דאס איז א אנדערע סוג אינגאנצן, ס'איז נישט סתם א דרויסענדיגע זאך, דאס איז א זאך וואס עסט זיך אריין טיף טיף אינעם נפש פונעם 'בעל חי', דער 'בעל חי' ווערט מער און מער א 'משעובד', ער ווערט מער און מער א 'שפל' און א 'נכנע' וואס דאס איז א שינוי אין זיין עצם מציאות.

## הרגל נעשה טבע

די וועלט זאגט אז 'הרגל' איז א 'טבע שני', א בעל חי וואס ווערט געפאנגען ווערט מורגל צו זיין נייע מצב, ער טוישט זיך זיין רגילות, די 'טבע ראשון' זיינער איז פרייהייט, און די 'טבע שני' איז שעבוד און הכנעה צום בעל הבית. אזוי ווי א 'קנעכט' וואס ווערט צוביסלעך געטוישט מצד זיין נפש, וואס דאס ברענגט אויך א טויש אין די גוף זיינער, ער איז זיך צוביסלעך מייאש מער און מער פון די חירות'דיגע וועלט, ער באקומט א 'טבע שני' פון א קנעכט, אזוי אויך דער 'בעל חי' ווערט ממש נשתנה צו א טבע שני פון א געפאנגענע בעל חי.

ס'געשעט טאקע נישט אויף איינמאל, ס'נעמט אסאך צייט אריינצוקומען אין די נייע 'רגילות', ס'נעמט אסאך צייט צו מאכן א 'טבע שני', אבער היות די 'צידה' איז וואס פאנגט אהן דאס אהן, צידה שטעלט אריין דעם בעל חי אין די דאזיגע מצב, ממילא ווערט די 'צידה' פארערכנט ווי א מלאכה וואס טוישט די מציאות פונעם 'בעל חי', וויל דורכען 'צידה' ווערט ער צוביסלעך מער און מער צוגעוואוינט צו א נייע מצב, צו א נייע סארט לעבן.

אזוי ווי ווען מ'איז מרגיל א קינד מיט יראה, מ'געוואוינט אים איין אז ער קען נישט אלעס האבן, ער קען נישט איבעראל גיין, ער טאר נישט אלעס טוהן, איז מיט דעם ווערט דאס א 'טבע שני' אינעם קינד, ס'ווערט א חלק פון אים, א חלק פון זיין לעבן. אזוי אויך א 'בעל חי' וואס מ'באצווינגט אים נישט ארויס צו גיין אין די פריי, ווערט דאס צוביסלעך זיין 'טבע שני'.

## חיה ועוף שברשותו

די הלכה איז אז חיות און עופות וואס זענען אין די רשות פונעם מענטש ('חיה ועוף שברשותו'), איז נישט דא ביי דעם קיין צידה, זיי זענען צוגעוואוינט צום מענטש און אנטלויפן נישט, און ס'פאסט נישט די מושג 'פאנגען', זיי זענען 'ניצוד ועומד'. געוויסע איז אסור מדרבנן, און געוויסע איז א איסור דרבנן אויך נישט דא, למשל די וואס אנטלויפן בכלל נישט פונעם מענטש (משנה ברורה סימן שטז סקנ"ז).

די עומק פון דעם איז אז זיי זענען נשתנה געווארן, א 'חיה ועוף שברשותו' זענען געווארן א אנדערע מהות, זייער גוף ונפש האט זיך צוגעוואוינט צום מענטש, וואס דאס מאכט זיי 'ניצוד ועומד'. די 'טבע ראשון' פון א חיה ועוף איז צו אנטלויפן פונעם מענטש, זיי זענען קעגען אים, אבער 'חיה ועוף שברשותו' זענען נשתנה געווארן צו א 'טבע שני', זיי זענען ווייעך צום בעל הבית, זיי זענען ווי א חלק פון זיין מציאות.

די פוסקים זאגען (תורת המלאכות הצד סק קיח) בשם הגר"נ קרליץ אז כלבים בזמנינו וואס ווערן אויפגעהאדוועט אין הייזער, איז בכלל נישט דא ביי זיי קיין צידה. הגם הונט זענען בטבע גאנץ א ווילד, פון דעסט וועגען דורכען זיי אויפהאדוען ווערן זיי נשתנה, זעהט מען ווייטער די יסוד ווי שטארק זייער עצם מציאות ווערט נשתנה און נכנע עד כדי כך אז ס'איז בכלל נישט דא ביי זיי קיין 'צידה'.

'הרגל' איז א 'טבע שני', א בעל חי וואס ווערט געפאנגען ווערט מורגל צו זיין נייע מצב, ער טוישט זיך זיין רגילות, די 'טבע ראשון' זיינער איז פרייהייט, און די 'טבע שני' איז שעבוד און הכנעה צום בעל הבית

איז פון דעם אלעם קען מען פארשטיין אז אויך 'מלאכת צידה' בכללות, מאכט גאר א שטארקע שינוי אין די 'בעלי חיים', וויל אזוי מ'פארשטייט ביי 'חיה ועוף שברשותו' אז זיי ווערן נשתנה ממש, זיי ווערן א נייע מציאות, זיי ווערן נכנע און שפל צום בעל הבית זייערע, אזוי פארשטייט מען אויך מעין זה ביי יעדער 'מלאכת צידה', ביי יעדער 'מלאכת צידה' ווערן די בעלי חיים עטוואס 'נשתנה'.

## חיות הבר

אלע חיות און עופות וואס האדוען זיך אין דער רשות פון דער מענטש, איז דא קעגען דעם ווילדע פון זיי וואס האדעוון זיך אויף הפקר, א 'שור' איז דא א 'שור הבר', א 'חמור' איז דא א 'חמור הבר', א סוס איז דא א 'סוס הבר', א 'תרנגול' איז דא א 'תרנגול הבר'. וואס דאס ווייזט אז בעצם קענען זיי אלע זיין גוט ווילד, נאר די זיך האדוען ביים מענטש מאכט אז זייער 'טבע שני' זאל זיין הכנעה פארן בעל הבית, זיי ווערן צוגעוואוינט אז זיי דארפן צו קומען צו אים פאר זייער עסן און טרינקען, און אזוי ווייטער.

על כל פנים זעהט מען ווייטער די שטארקע 'שינוי' וואס 'מלאכת צידה' מאכט אין דעם גוף פונעם 'בעל חי', אז פון א 'תרנגול הבר' קען ווערן א געהעריגע 'תרנגול' וואס אנטלויפט נישט, א תרנגול וואס איז נכנע אונטער דעם מענטש, און איז אין כלל פון 'חיה ועוף שברשותו' (און צומאל אנטלויפט ער בכלל נישט ווי ס'איז מבואר אין משנה ברורה סוף סימן שטז).

די הלכה איז אז אפילו 'חיה ועוף שברשותו', וואס ס'איז נישט דא ביי זיי קיין צידה, אבער אויב האט דער 'סוס' מוריד געווען, איז יא דא ביי אים צידה, ווי ס'איז מבואר אין די פוסקים סוף סימן שטז דער דין פון 'סוס שמרד', און אזוי איז אויך באקאנט אויפן 'חמור', אז ער קען אסאך מאל מוריד זיין און אנטלויפן, אבער למעשה זעה מיר אז ווי לאנג זיי אנטלויפן נישט, ווי לאנג זיי זענען גרייט צו זיין נכנע אונטער

דעם בעל הבית, ווערט דאס זייערע מציאות, דאס ווערט זייער טבע, זייער 'טבע שני'.

די גמרא פרעגט א סתירה ביי 'ציפור', איין פלאץ שטייט אז ווערט געפאנגען אין בית, און אין די אנדערע פלאץ שטייט אז נאר אין א 'מגדול' (קלאזעט) הייסט ער געפאנגען, און די גמרא ענטפערט אז א געוועינטליכע פייגעל ווערט געפאנגען אין א 'בית', אבער א 'ציפור דרור' ווערט נאר געפאנגען אין א 'מגדול', און די לשון הגמרא איז "הכא בציפור דרור עסקינן, שאינה מקבלת מרות. איז אגב זעה מיר דא א גאר א שטארקע הגדרה אויף צידה, 'קבלת מרות', אויב איז ער שנעל 'מקבל מרות', איז ער שנעלער גאפאנגען, אויב איז ער שווער 'מקבל מרות', איז שווערער אים צו פאנגען.

## די שינוי ביי מלאכת מבעיר און הוצאה

נישט אלע ל"ט מלאכות מאכן די זעלבע 'שינוי' אין די 'חפצא', 'מלאכת מבעיר' מאכט די שטערקסטע שינוי אין די חפצא, די שטאף וואס ברענט ווערט ממש אויס, ס'ווערט א שטיק 'פחם', א שטיק קויל, וואס דאס איז די 'מלאכה הצריכה לגופו' ביי 'מלאכת מבעיר', צו מאכן פון האלץ 'פחמים'. און די פארקערטע איז 'מלאכת הוצאה' וואס מאכט נישט קיין שום 'שינוי' אין די 'חפצא', און אינצווישן איז דא אלע אנדערע מלאכות, וואס זיי מאכן א שינוי, איינער מער און איינער ווייניגער.

למשל 'מלאכת מבשל' מאכט גאנץ א שטארקע שינוי, ס'ווערט א כעמישע טויש אין די געקעכטס, אויף אזוי ווייט אז א זאך וואס איז געקאכט קען מען קיינמאל נישט מאכן אויס, א זאך וואס איז געבאקן קען מען קיינמאל נישט מאכן אויס געבאקן, וואס דאס ווייזט ווי שטארק די זאך איז געטוישט געווארן.

פון די אנדערע זייט נעם למשל א מלאכה ווי 'מלאכת בורר', מלאכת בורר איז נישט אזא שטארקע שינוי, די תבואה איז טאקע געווארן ריין פון שמיץ, אבער די עצם תבואה איז נישט נשתנה געווארן, און אזוי קען מען אריבער גיין אלע מלאכות, איינער איז א שטארקערע תיקון און די זאך, און איינער איז אביסל שוואכער, די שטערקסטע שינוי וועט זיין 'מלאכת מבעיר', און די שוואכסטע שינוי וועט זיין 'מלאכת הוצאה', און אינדערמיט זענען אלע אנדערע מלאכות איינער מער און איינער ווייניגער, איינער מאכט א שטארקערע שינוי און איינער אביסל שוואכער.

איז לאמיר צוריק קומען מיט וואס מ'האט אנגעפאנגען, אלע אחרונים זאגען אז 'מלאכת צידה' מאכט נישט קיין שינוי אינעם 'בעל חי', אזוי איז מבואר אין אבני נזר (או"ח סי' קפט סק"ז) און אזוי איז מבואר אין הגר"ש שקאפ (כתובות סימן ד) און אזוי איז מבואר אין חזון יחזקאל (תוספתא שבת פי"ג ה"ד ד"ה והמפרק). ס'איז נאר א מלאכה מצד דעם 'פועל', נישט מצד דעם 'נפעל'.

אבער ווי געשמועסט איז דאס אלעס נאר קעגען אנדערע מלאכות, אנטקעגען אנדערע איז 'מלאכת צידה' א שוואכע שינוי אינעם 'נפעל', א שוואכע שינוי אין דעם גוף פונעם 'בעל חי', אבער אויך ביי 'צידה' איז דא א שינוי, וואס דאס איז דער 'טבע שני' וואס ווערט ביי צידה, דאס וואס דער 'בעל חי' ווערט מער און מער נכנע צום בעל הבית, און דאס איז דער 'מלאכת מחשבת' פון 'מלאכת צידה', ס'איז דאר א חשוב'ע מלאכה מיט אזא חשוב'ע שינוי.

## קנס ומעשה שבת

איינער פון די שטארקע נפקא מינה'ס פון די גאנצע שמועס איז ביי 'מעשה שבת', אויב איינער טוט א מלאכה שבת קודש, האט מען אים גע'קנס'ט אז מ'טאר נישט הנאה האבן, אבער דאס איז נאר אויב ס'איז דא א שינוי אינעם 'נפעל', די חפצא אין וואס די מלאכה איז געטוהן געווארן, איז נשתנה געווארן דורעך די מלאכה. אבער אויב איז די חפצא נישט נשתנה געווארן, ווי למשל 'מלאכת הוצאה' וואס די חפצא איז די זעלבע אין רשות הרבים און אין רשות היחיד, איז די הלכה אז מקנס'ט נישט, ווייל ס'איז נישט דא אזא שטארקע שינוי אינעם חפצא. און אזוי איז אויך די שמועס אין הלכות בירור אז ס'קען זיין אז מ'קנס'ט ווייל ס'איז נישט דא דארט אזא שטארקע שינוי, די עצם זאך וואס איך האב בורר געווען איז פשוט געווארן ריין, ער איז אבער נישט נשתנה געווארן.

איז אזא ענדליכע שמועס איז אויך דא ביי 'מלאכת צידה', אז אויב איך זאג אז 'מלאכת צידה' איז נישט דא קיין 'שינוי' אינעם גוף פונעם 'בעל חי', וועט אויסקומען אז מקנס'ט נישט ביי 'מלאכת צידה', אבער טאמער מ'וועט זאגען אז צידה איז יא א שינוי, אזוי ווי געשמועסט אז דער גוף פונעם בעל חי פאנגט אהן צו ווערן איינגעוואוינט אין א 'טבע שני', ער ווערט צו געוואוינט צו ווערן נכנע, דאן וועט אויסקומען אז מ'וועט יא קנס'נען ביי 'מלאכת צידה'.

און אזוי איז מבואר אין משנה ברורה (סי' שטז ס"ו ביאור הלכה ד"ה ישב) אז אויב איינער האט געפאנגען א בעל חי במזיד, איז דאס אסור באכילה אזוי ווי יעדער 'מעשה שבת'. און מ'פארשטייט עס גוט לויט ווי ס'איז געווארן נתבאר אז ביי מלאכת צידה איז יא דא א שינוי אינעם גוף פונעם בעל חי. און אזוי איז אויך מבואר אין חידושי ר"מ קזיס (בריש מסכת שבת) אז ס'איז א חילוק צווישן 'מלאכת הוצאה' און 'מלאכת צידה', ביי 'הוצאה' איז נישט דא קיין 'שינוי' אין די זאך וואס מ'טראגט ארויס, און ביי 'מלאכת צידה' איז יא דא א 'שינוי'.

באמת אויך ביי 'מלאכת הוצאה' איז דא עטוואס א 'שינוי' אין דעם 'גוף' ה'חפצא' וואס מ'טראגט ארויס, די 'חפצא' ווערט נשתנה - דורעך עקירה און הנחה - פון רשות היחיד צו רשות הרבים, וואס דאס איז א שינוי אויפן חפץ גופא, דער חפץ גייט ארויס פון א מקום המשומר צו א מקום שאינו משומר, אדער פון א מקום שאינו משומר צו א מקום המשומר, פון רשות הרבים צו רשות היחיד, און פון רשות היחיד צו רשות הרבים.

נאר וואס דען, נאך אלץ הייסט 'מלאכת הוצאה' גאר א שוואכע 'שינוי', א 'מלאכה גרועה', ווייל למעשה די עצם זאך איז געבליבן די זעלבע פאר דעם און נאכדעם, ס'איז נישט קיין 'שינוי' צו קנס'נן אויף דעם אלץ 'מעשה שבת', אבער 'מלאכת צידה' איז מער ווי 'מלאכת הוצאה', 'מלאכת צידה' וואס טוישט די לעבן פונעם בעל חי צו זיין נכנע ושפל, דאס איז גענוג צו פארעכענען פאר א 'שינוי' צו קנס'נן אויף 'מעשה שבת'.

עיצוב: י.ב. 972-52-763-3424+

## נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com

לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516